בעזהשי"ת

# דער הייליגער רבי

דער

# ברך משה

זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

כ"ו ניסן תשע"ג לפ"ק

תלמוד תורה
יטב לב דרב"י
מסאטמאר
בעיה"ק ירושלים תובב"א

יו"ל ע"י
תלמוד תורה "יטב לב" דרבינו יואל מסאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
רח' הושע 23 - טעל: 02-5810967
פעיה"ק ירושלים תובב"א

© כל הזכויות שמורות

# הקדמה

פאר אכט און ניינציג יאר אינעם טאג כ"ג חשון איז אראפגעקומען די גרויסע ליכטיקייט אויף די וועלט מיטן געבוירן ווערן פון אונזער הייליגן רבי'ן דער ברך משה זי"ע צו זיין הייליגן טאטן דער עצי חיים זי"ע, אין די שטאט ראצפערט.

צו די אכטע טאג איז פארגעקומען די ברית, וואס איז אויסגעקומען דאנערשטאג פרשת תולדות, ראש חודש כסלו תרע"ה לפ"ק.

אין יענע צייט האט געוואוינט אין ראצפערט דער הייליגער צדיק רבי ישכר דוב פון בעלזא זי"ע.

דער עצי חיים איז אריבערגעגאנגען צום בעלזער רב, און ער האט איהם מכבד געווען מיט סנדקאות. דער בעלזער רב איז געווען זייער פרייליך, און ער האט אנגעטון א שטריימל, און ער האט אויך אנגעזאגט פאר זיינע נאנטע משפחה וואס זענען מיטגעגאנגען מיט איהם אז זיי זאלן אלע אנטוהן דעם שטריימל צום ברית און מיטהאלטן דעם ברית.

ביים ברית איז דער בעלזער רב געווען סנדק, און דער פאטער דער עצי חיים זי"ע איז געווען מוהל, און דער זיידע הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל זי"ע דער זוהן פון דעם הייליגן צאנזער רב דער דברי חיים זי"ע האט געזאגט די ברכות און מען האט אים א נאמען געגעבן "משה" אויפן נאמען פונעם גרויסן זיידן, דער הייליגער ישמח משה זי"ע.

עס איז שוין זייער אסאך באשריבן געווארן פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע, וואס אויב ווילן מיר באשרייבן זיין גאנצן לעבן פעלט זיך אויס גאנצע ספרים צו ארויסגעבן.

איבער דעם ברענגען מיר דא בלויז עטליכע געציילטע מעשיות איבער, קדושה, תורה, גמילות חסדים און מידות טובות, וואס וועט זיכער זיין א לימוד פאר אונז קינדער תלמידים וועלכע ווערן ערצויגן אין די הייליגע סאטמארער תלמוד תורה דא אין ירושלים וואס איז געווען אונטער זיין הייליגע הנהגה, און ווי צדיקים האבן געטייטשט מתי יגיע"ו מעשי למעשי אבותי אז אפילו נאר אנצורירן אביסל פון זייערע מעשים איז שוין אויך גענוג.

# תורה

**פון קינד ווייס אן האט מען שוין דערקענט אויפן רבי'ן אז ער וועט אויסוואקסן א גדול בישראל.**

**אידן וועלכע געדענקען דעם רבי'ן אין יענע צייטן נאך אלס יונג קינד, רעדן מיט התפעלות און וואונדער וויאזוי אזא יונג קינד האט געהאט אזעלכע השגות אין התמדה.**

**דער רבי זי"ע האט אויסגענוצט אלע צייטן און האט נישט מבטל געווען קיין איין מינוט, וועלנדיג אריינכאפן נאך א רגע און נאך א רגע מיט לערנען די תורה מיט גרויס הייליגקייט. און דאס איז געווען אפילו ווען ער האט מיטגעהאלטן אייגענע משפחה שמחות ווי א חתונה, א שבע ברכות אדער א בר מצוה האט אבער דער רבי - טראץ זיין יונגן עלטער האט ער אויסגענוצט יעדע מינוט צו לערנען די הייליגע תורה.**

## געלערנט אינמיטן די חתונה

עס האט דערציילט הרה"ח ר' דוד מייזעלס פון בארא פארק וואס איז געבוירן געווארן אין די שטאט ראצפערט, אז ער איז געווען ביי איינע פון די חתונות פון אן אייניקל פון רבינ'ס זיידן הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל ראצפערט'ער זי"ע. די חופה איז פארגעקומען נעבן דעם שטאטישן בית המדרש און די חתונה איז פארגעקומען אין א גרויסן שאטער (געצעלט) וואו די גאנצע שטאט האט מיטגעהאלטן די גרויסע שמחה.

נאכן בענטשן, ווען מ'האט זיך אנגעפאנגען צו גרייטן אויף די מצוה טאנץ, האט ער באשלאסן אז ער וועט שוין אהיימגיין און נישט אויסווארטן ביז נאך די מצוה טאנץ, און איז אריינגעגאנגען אין בית המדרש צו נעמען זיין מאנטל. פלוצלינג הערט ער א קול פון לערנען, ווען ער איז אריינגעגאנגען טיפער אינעווייניג אין בית המדרש האט ער באמערקט אין ווינקל וואו דער קליינער משה'לע זיצט מיט א לעכטל ביי א גמרא און לערנט מיט גרויס התמדה.

## דעם הייליגן זיידן'ס נחת

עס דערציילט הרה"ח ר' אלימלך שטיין ז"ל פון די שטאט רחובות, וועלכער האט געלערנט אין די ישיבה אין שטאט סיגעט, אז ער געדענקט ווען דער רבי זי"ע פלעגט אלס יונגער בחור'ל פארן צו זיין זיידן הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל זי"ע פון ראצפערט, פלעגט זיין זיידע אנווייזן אויפן רבי'ן מיטן פינגער זאגנדיג מיט זיין הייליגן לשון: "דאס איז מיין שטאלץ, אנדערע געסט פון די משפחה קומען און דרייען זיך ביי מיר אין הויף, ער זיצט א גאנצן טאג אין בית המדרש און לערנט, ער טוהט מיר א נחת רוח". און ער פלעגט זאגן פאר זיינע נאנטע מענטשן: "קומט'ס אריין אין בית המדרש, און קוקט'ס אן משה'לע, דאס איז מיין נחת".

אט דאס איז אונזער הייליגער רבי געווען אלע זיינע יארן, א גרויסער מתמיד.

פונקט ווי אלס קינד, אזוי אלס בחור, אזוי אלס יונגערמאן, אזוי אלס רב, און אזוי אלס אלטער איד און אלס רבי פון טויזנטער אידן.

## אויסגענוצט יעדע מינוט פאר תורה

ווער עס האט נאר זוכה געווען צו האבן מיט אים א נאנטערע שייכות האט דאס באלד באמערקט. צו ווען מען האט אים געזעהן זיצן צוגעבינדן צו די גמרא ביז שפעט ביינאכט, און ווייטער פון פרי פארטאגס. צי ווען מען האט מיט אים גערעדט אין לערנען און געזעהן אז ער איז באקאנט אין די גאנצע תורה וואו מען פרעגט אים נאר.

אזוי אויך אין די ימים טובים איבערן יאר וואס מענטשן זענען שטארק פארנומען און מען לערנט דעמאלטס ווייניג, פארציילן די אייניקלעך פונעם רבי'ן אז מ'האט געזעהן דעם רבי'ן לערנען אין די שווערסטע צייטן. איינער געדענקט ווי שמחת תורה פאר די הקפות ווען דער רבי האט זיך צוגעגרייט צו די הקפות מיט א פאר שעה לערנען רצופות. אנדערע געדענקן צו דערציילן ווי שמחת תורה נאך די גרויסע עבודה פון די הייליגע הקפות, האט דער רבי אויסגענוצט און גלייך נאך די סעודה האט ער זיך געזעצט לערנען מיט א געשמאק וואס האט זיך טיילמאל פארצויגן ביז צום פרימארגן ווען ער איז ווייטער געגאנגען פראווען די געהויבענע הקפות.

אן אנדערער דערציילט ווי פסח אויפדערנאכט נאכן סדר, נאך די גרויסע עבודה וואס ער האט געפראוועט מיט גרויס שמחה האט ער גלייך דערנאך זיך געזעצט לערנען.

## לערנען מיט מסירות נפש

אין יאר תשמ"ז איז דער רבי אריבערגעגאנגען א שווערע אפעראציע אויף די פיס, און דער רבי האט געהאט ביטערע יסורים ל"ע, האט דער רבי געבעטן פון זיין לאנגיעריגע חברותא הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א, אז ער זאל קומען לערנען ווי געוויינליך.

אבער אנהויבענדיג צו לערנען, און זעהנדיג ווי דער רבי מוטשעט זיך מיט ביטערע יסורים, האט ר' נפתלי הירצקא שליט"א געבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל זיך גיין אראפלייגן און אפרועהן. האט אים דער רבי געזאגט "דער הייליגער רבי ר' הערש פון רימנוב זי"ע פלעגט זאגן ווען ער האט זיך געשפירט זייער שוואך "לאמיר גיין דינען דעם באשעפער מיט רציחה!" (ד. מ. מיט מסירות נפש). און דער רבי האט מיט די לעצטע כוחות מיט ביטערע יסורים פארגעזעצט צו לערנען מיט מסירות נפש.

## אכט און צוואנציג מאל איין תוספות

דער חברותא פון רבי'ן דערציילט אז עס איז קיינמאל נישט געווען אזא זאך ביים רבי'ן טאמער מ'האט עפעס נישט גוט פארשטאנען אין לערנען און מ'איז געגאנגען ווייטער, נאר דער רבי פלעגט אנפאנגען פון אנפאנג כדי מ'זאל אלעס פארשטיין קלאר.

ער האט דערציילט אז דער רבי האט אמאל איבערגעלערנט א תוספות אין די גמרא בבא קמא אכט און צוואנציג מאל, וויבאלד דער רבי האט געהאלטן אז ער פארשטייט עס נאכנישט גענוג.

מען פלעגט זייער אסאך מאל הערן פון דעם הייליגן רבי'ן ביי די דרשות און תורות זיין טייטש "ואין לנו שיור רק התורה הזאת" ד. מ. מיר האבן נישט מיט וואס צו קענען איבערבלייבן אין גלות, נאר מיט די תורה, דאס איז די איינציגסטע זאך מיט וואס מיר קענען האפן צו קענען איבערלעבן דעם שווערן גלות".

# גמילות חסדים

## געלערנט מיט א אינגל חומש און רש"י

עס האט דערציילט א איד, וועלכער האט פאר די מלחמה געוואוינט אין די שטאט סיגעט. אז ווען ער איז געווען א קינד פלעגט אים דער זיידע פארהערן יעדן שב"ק נאכמיטאג א שעה פאר מנחה חומש און רש"י. ווען דער זיידע האט אים פארהערט האט ער קיינמאל נישט געקענט (ער האט געהאט א שווכע קאפ) און דער זיידע האט זיך זייער שטארק מצער געווען.

ווי פארשטענדליך האט ער גוט געציטערט פונעם פארהער, און ער פלעגט שוין קומען אין בית המדרש פריער איבערצו'חזר'ן די חומש רש"י, אבער עס האט אים נישט געהאלפן, און ער האט ווייטער נישט געקענט.

זיצענדיג איינמאל נאכמיטאג אין בית המדרש פארן פארהער ציטערנדיג אז ער וועט ווייטער נישט קענען האט ער זיך צעוויינט, וואוסנדיג וואס עס ווארט אים אפ, און דאן איז דער רבי, וואס איז דעמאלטס געווען א בחור, אריינגעקומען אין בית המדרש וואו ער פלעגט אפזיצן לאנגע שעות שבת נאכמיטאג און לערנען די הייליגע תורה.

ווען דער רבי זעהט ווי עס זיצט א יונגל און וויינט ביטערליך, איז ער צוגעגאנגען צו אים, און ער פרעגט אים פארוואס ער וויינט, זאגט דאס קינד אז ער וויינט ווייל ער גייט באלד נישט קענען ביים זיידן. זאגט אים דער רבי "זארג זיך נישט, אנגעהויבן פון די וואך וועל איך לערנען מיט דיר יעדע וואך חומש רש"י פארן זיידנ'ס פארהער, און דו וועסט מיטן אויבערשטנס הילף קענען".

דער רבי האט זיך אוועקגעזעצט לערנען מיט דאס קינד, ער האט געלערנט און מסביר געווען יעדעווארט אין חומש און אין רש"י, און דער פארהער איז טאקע געווען דער ערשטער פארהער וואס ער האט געקענט אז דער זיידע איז געווען העכסט צופרידן, און פון יענע וואך און ווייטער איז ער געקומען צום פארהער נאכדעם וואס ער האט שוין געהאט געלערנט מיטן רבי'ן, און ער האט פיין געקענט.

אט דאס איז א דוגמא פון דעם רבי'נס הייליגע מידות.

## געראטעוועט אלע אידן

איינמאל ווען דער רבי איז געווען אין די ביטערע לאגער ביי די מלחמה, זענען די דייטשע רשעים געקומען צו מאכן א ספעציעלע אונטערזוכונג, ווייל איינער האט גע'גנב'ט שיך פון די קעלערן, און זיי האבן אויסגערופן, אז אויב וועט מען נישט שוין צוריקגעבן די גניבה וועלן זיי אויס'הרג'ענען יעדן צענטן מענטש פון די אידן רח"ל.

פלוצלינג איז א איד ארויס פון די שורה, און האט זיך מודה געווען אז ער האט גע'גנב'עט די שיך.

דאס איז געווען דער הייליגער רבי. וואס פארשטייט זיך אז נישט דער רבי האט גע'גנב'עט די שיך, נאר ער האט זיך מוסר נפש געווען און איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי צו ראטעווען אלע אידן אינעם לאגער.

דער רשע, האט אים אנגעקוקט פון אויבן ביז אראפ, און דאן האט ער אים אראפגעלאזט א פאטש אין פנים, זאגענדיג: "וועמען ווילסטו פאפן? די שיך איז געווען גרויס נומער צוויי-און-פערציג, און דו קוקסט אויס צו האבן שיך פון נומער זיבן-און-דרייסיג".

דערנאך האט זיך דער רשע אנגערופן: "אזוי ווי איך זעה אז עס איז דא צווישן אייך איינער וואס איז זיך מוסר נפש, וועגן אים בין איך אייך אלע מוחל, און איך לאז אייך צוריקגיין געזונטערהייט".

## אוועקגעגעבן די גאנצע עסן פון סדר נאכט

איינמאל פסח ביינאכט ווען דער רבי איז געווען דער רב אין די שטאט זענטא, האט אריינגעקלאפט א אלמנה אין טיר, און האט זיך אויסגעוויינט פאר דער הייליגער רבי אז זי האט גארנישט אויפן סדר נאכט.

ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער איר געזאגט זי זאל אהיימגיין אין שטוב און באלד וועט זי האבן פון אלעם גוטס.

דער רבי איז אריין אין קאך צו די רעבעצין און איר געבעטן זי זאל איינפאקן אלע עסן וואס זי האט געקאכט אויפן סדר נאכט און אויך אלע מצות, אויסער עטליכע מצות זאל זי איבער לאזן פאר זיי אין שטוב.

און דער רבי איז אליין אריבערגעגאנגען צו די אלמנה אין שטוב, און אריבערגעטראגן די גאנצע עסן.

# קדושה וטהרה

## א הייליגער אינגל

דער רבי זי"ע האט געשעפט זיין אפגעהיטנקייט אין הייליגקייט פון זיין הייליגן פאטער דער עצי חיים זי"ע וועלכער האט זייער שטארק אכטונג געגעבן אז זיינע קינדער זאלן זיין זייער שטארק אפגעהיטן בקדושה ובטהרה, ער האט אכטונג געגעבן אויף זייער שמירת עינים זיי זאלן אכטונג געבן אויף די אויגן. און ער האט זיי נישט געלאזט ארויסגיין אויפן גאס סתם אזוי אן קיין שום סיבה.

דער עצי חיים האט געהאלטן פאר זיינע קינדער באזונדערע מלמדים וואס האבן געלערנט מיט זיי עקסטער, און ער האט זיי נישט געשיקט לערנען אין די שטאטישע תלמוד תורה. האט דער רבי אמאל געזאגט פאר איינער פון זיינע אייניקלעך אז דאס איז געווען צוליב דעם וואס ער האט נישט געוואלט אז זיי זאלן גיין אין גאס צו און פון די תלמוד תורה.

## איך קען נישט די שטאט סיגעט...

ווען איינער פון די מקורבים האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן צי אין סיגעט איז דא א פלאץ וואו מ'האט געקענט גיין שפאצירן. האט אים דער רבי געענטפערט "גלייב מיר איך בין קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען

אויסער דעם טויער פון חצר פון די שול וואו מיר האבן געוואוינט, און דער טאטע האט מקפיד געווען אז די קינדער זאלן זיך נישט דרייען אין די גאסן, אויב האט איינער פון אונזערע קינדער געדארפט ערגעץ גיין האט ער מיטגעשיקט איינעם פון די גבאים זאל אים באגלייטן.

## פארוואס איז דער רבי נישט אהיימגעקומען?

עס האט דערציילט הרה"ח ר' בנציון פייערווערקער ז"ל אז איינמאל איז דער רבי ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט זיין עלטערן ברודער הגה"צ רבי זלמן לייב זצ"ל ערגעץ נעבן די שטוב צוליב א סיבה, און עס האט גענומען זייער לאנג און זיי זענען נישט צוריק געקומען, ווען עס איז אריבער א שטיק צייט און דער עצי חיים האט געזעהן אז זיי קומען נישט צוריק האט דער עצי חיים געהייסן אז מ'זאל גיין זעהן וואו זיי זענען, האט מען געזעהן ווי זיי שטייען ביים עק גאס, און ווארטן ביי די זייט ווייל עטליכע קליינע מיידלעך האבן זיך דארט געשפילט, און די צוויי הייליגע ברודער האבן נישט געוואלט דורכגיין ווייל זיי האבן נישט געוואלט גיין צווישן מיידלעך.

## ליגנט דארף זיין פאר'מיאוס'ט

כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אמאל דערציילט ווען ער האט גערעדט מוסר פאר די קינדער אין אונזער תלמוד תורה אין וויליאמסבורג ג' כי תבא תשס"ו. האט דער רבי שליט"א געזאגט בלה"ק:

*"איך האב געהערט פונעם טאטן זכרונו לברכה האט ער אמאל נאכגעזאגט פונעם זיידן זכרונו לברכה, דער קדושת יו"ט, ער האט געהערט אמאל א קינד זאגן א ליגנט, ער האט אויפגעציטערט, וואס הייסט דו זאגסט א ליגנט?! זאגן א ליגנט איז געווען ביי אים געפערליך".*

*"ער האט מיר אמאל געזאגט, ער האט אמאל געכאפט א איד ביי א ליגנט, ער האט אים נישט געוואלט אנקוקן, ער האט נישט געוואלט יענעם איד קוקן אין פנים אריין, ווייל ער האט געזאגט א ליגנט.*

*ער איז געווען א צדיק אמת, און אזוי האט ער מחנך געווען זיין הויז ס'זאל זיין אמת, און זיך דערווייטערן פון יעדע מין סארט שקר, און דאס האב מיר אונז מקובל פון די אבות, אמת, תורת אמת, א מויל צו רעדן אמת, און יעדע מין סארט שקר דארף זיין מיאוס בתכלית המיאוס".*

# קדושת אכילה

## קיינמאל נישט צוגעלייגט קיין זאלץ

איינע פון די געהויבענע הנהגות וואס מיר האבן אלע יארן געזעהן ביים רבי'ן איז געווען זיין איידלקייט און אפגעהיטענקייט ביים עסן, פון וואס מען האט זיך גאר אסאך געקענט לערנען. וואס דאס איז אויך געווען איינע פון די שטארקע עבודות וואס דער עצי חיים האט אריינגעלייגט אין זיינע קינדער אז זיי זאלן עסן מיט גרויס הייליגקייט, און זיך נישט נאכגעבן די תאוות.

ביי א געלעגנהייט רעדענדיג פאר די בחורים האט דער רבי דערציילט אז אין יענע תקופה וואס דער טאטע פלעגט אכטונג געבן אויף אים אז ער זאל עסן געהעריג פרישטאג האט ער געזעהן ווי ער לייגט זיך צו זאלץ צום עסן, האט ער ממש אויפגעציטערט, און ער האט אים געגעבן א כאפ אן די האנט און געזאגט מיט א ציטער "מען טאר נישט אזוי פיל טראכטן פון עסן"

דער רבי האט אויסגעפירט "דעם טאטנס ווערטער איז מיר אזוי אריין אין די ביינער, אז זייט דעמאלטס האב איך קיינמאל נישט צוגעלייגט גארנישט צום עסן"...

איינמאל איז געווען ביים רבי'ן אסאך געסט חול המועד סוכות וואס האבן מיטגעגעסן די סעודות, און די זופ איז געווען פארדארבן און קיינער האט דאס נישט געקענט עסן. אבער דער רבי האט געגעסן די זופ ווי אלעמאל און מען האט גארנישט דערקענט אז די זופ איז פארדארבן.

ווען דער רבי האט געזעהן אז דער עולם עסט נישט די זופ האט ער געפרעגט וואס גייט פאר? האט מען געזאגט פארן רבי'ן אז די זופ איז פארדארבן.

ווי נאר דער רבי האט דאס געהערט האט ער געהייסן נעמען די גאנצע זופ און אויסגיסן ערגעץ אינדערויסן, כדי די קעכערין זאל נישט געוואויר ווערן אז די זופ איז געווען פארדארבן און מען האט דאס נישט געגעסן, ווייל עס וועט איר זייער ווי טוהן.

זעהנדיג ווי דער עולם וואונדערט זיך אז דער רבי האט יא געגעסן די זופ און ער האט בכלל נישט געשפירט אז די זופ איז פארדארבן, האט דער רבי געזאגט:

"איך וועל אייך דערציילן א מעשה, ווען איך בין געווען א קליין קינד, בין איך געזעסן ביים טיש פונעם טאטן זכרונו לברכה, און מען האט אריינגעברענגט א עסן און עסענדיג דעם מאכל האב איך געשפירט אז עס פעלט זאלץ, האב איך צוגעלייגט אביסעלע זאלץ, ווען מיין טאטע האט דאס געזעהן האט ער ממש אויפגעציטערט "מיינער א קינד זאל צולייגן זאלץ צו א עסן?!", זייט דעמאלטס האב איך זיך פארגענומען אז וואס מען גיט מיר צום טיש וועל איך דאס עסן, אן קיין חשבונות צי עס האט יא א גוטן טעם צי עס האט נישט קיין גוטן טעם".

## נישט געזעהן ביים טאטן...

דער רבי האט אלע יארן נאר געגעסן די סארט עסן'ס וואס ער האט געזעהן ביי זיין טאטן אין שטוב. און אפילו ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע, א אנדערע מדינה מיט אנדערע מנהגים און אנדערע סארט עסן'ס, האט ער גארנישט משנה געווען געווען ווי עס איז געווען ביי זיין טאטנס הייליגע שטוב.

קיינמאל האט דער רבי נישט געגעסן קיין שום נייע סארט עסן'ס וואס מען האט נישט געגעסן אין דער אלטער היים, אפילו איידעלע מאכלים וואס יעדער עסט דאס, צום ביישפיל טונא פיש, האט ער אויך נישט געגעסן, ווייל ביי זיינע עלטערן אין שטוב האט ער דאס נישט געזעהן.

עס דארף דערמאנט ווערן רעדענדיג פונעם רבי'נס הייליגקייט ביים עסן, און זיינע געהויבענע גדרים וסייגים, ווי דאס איז געגאנגען אינאיינעם מיט זיינע הייליגע מידות. עס איז געווען אין א תקופה ווען האט מען אויפגענומען ביים רבי'ן אין שטוב א משרתת, א חשוב'ע פרוי, א צובראכענע הארץ, וועלכע איז געווען זייער

געטריי, און זי האט זיך זייער אנגעשטרענגט צו קאכן פארן רבי'ן זייער געשמאקע עסן'ס. זייענדיג א צובראכענע אידענע איז זי אפטמאל געווען אנגעצויגן און זי האט לייכט געקענט וויינען, פלעגט דער רבי זייער שטארק אנווארענען אז מ'זאל אכטונג געבן אויף איר כבוד, און איר נישט טשעפען, ווייל דאס איז זייער א הארבע זאך. (ווען איינמאל האט איר איינער געטשעפעט, האט דער רבי געהייסן יענעם אז ער זאל איר קויפן א מתנה כדי איר איבערצובעטן).

עס פלעגט זיין צומאל ווען די פרוי האט שוין צוגעגרייט דאס עסן, און מען האט דאס אריינגעברענגט פארן רבי'ן, האט דער רבי נישט געהאלטן ביים עסן ווייל ער האט דאס נישט געזעהן ביים טאטן. האט ער געהייסן דעם הויז בחור אדער אנדערע מקורבים וואס זענען דארט געווען אז זיי זאלן דאס עסן אינעווייניג אין זיין צימער, כדי זי זאל נישט באמערקן אז ער האט נישט געגעסן פון איר געקעכטס.

איינמאל האט די קעכערין געמאכט עפעס א עסן פון טונא פיש, נישט וואוסענדיג אז דער רבי עסט נישט דעם מאכל, ווען דער הויז בחור האט דאס אריינגעברענגט האט אים דער רבי געזאגט 'דו ווייסט נישט אז ביי אונז האט מען דאס נישט געגעסן?". דער רבי האט דאן געזאגט דעם טעם פארוואס מ'האט נישט געגעסן די פיש, ווייל 'סארדינס' זענען געווען וואס האבן מקיל געווען דאס צו עסן ווייל עס קומט נאך אן גאנצערהייט, אבער טונא פיש קומט שוין אן צוריבענערהייט האט מען דאס נישט געגעסן.

האט דער בחור געזאגט "די קעכערין זי האט דאס געמאכט", דער רבי האט געשוויגן און גארנישט געזאגט. נאך עטליכע מינוטן האט דער רבי געגעסן א קליין ביסל פון דעם מאכל, כאטש ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט דאס נישט צו עסן, אבער יעצט אז ער האט געשפירט אז ס'קען ווי טוהן פאר א צובראכענע אידענע אויב ער וועט דאס נישט עסן האט ער געבראכן זיין סדר און פראבירט אביסל פון דעם.

# ישועות פאר כלל ישראל

**ביים ענדע ווען מיר ברענגען עטליכע קליינע מעשיות, וואו מיר זעהן אז מיטן כח התורה און קדושה האט דער רבי באוויזן גאר גרויסע מופתים און געברענגט ישועות פאר כלל ישראל.**

## דער הונט האט אים נישט אנגערירט

ביי איין געלעגענהייט איז געווען א פאסירונג וואס מען האט קלאר געזעהן ווי מן השמים האט מען אוועקגעליגט דעם מנהיג ישראל פאר אונזער דור. אויף א וואונדערליכן אופן איז דער רבי געראטעוועט געווארן פון א זיכרון טויט ר"ל.

עס דערציילט הרה"צ חו"פ רבי יחיאל מיכל מיכלאוויטש שליט"א אדמו"ר מזלאטשוב-נתני', וואס ער האט געהערט פון א איד וואס איז געווען ביי די מעשה אין לאגער.

אין יענע לאגער איז געווען א דייטשע פרוי א מרשעת, וועלכע האט געהאט א גרויסן געלערנטן הונט וואס האט אויסגעזעהן ווי א בער, און פון צייט צו צייט האט זי אנגערייצט דעם הונט אויף מענטשן, וועמען דער הונט האט ממש צעריסן אויף שטיקער.

איינמאל איז זי געגאנגען און אנגערייצט דעם הונט אויף דריי מענטשן. איינער פון די דריי איז געווען דער רבי.

דער הונט האט באפאלן די צוויי אינגעלייט, און זיי צוריסן ל"ע, אבער ווען עס איז געקומען די רייע צום רבי'ן איז דער הונט צוגעשפרינגען ביזן רבי'ן, און זיך אפגעשטעלט און צוריקגעלאפן, און אזוי איז געווען עטליכע מאל.

די מרשעת איז נישט געווען צופרידן, איז זי געגאנגען און נאכאמאל אנגערייצט דעם הונט אויפן רבי'ן. אבער בחסדי ה' האט דער הונט זיך אויסגעדרייט און צעריסן די מרשעת אויף שטיקער.

## "דאס איז נישט גוט פאר א איד וואס דארף מקיים זיין מצות, דאס איז גוט פאר א גוי"

עס דערציילט הרה"ח ר' אליעזר ווייס שליט"א פון קרית יואל:

מיין טאטע הרה"ח ר' משה יודא ווייס ע"ה האט ל"ע באקומען א סטראוק ר"ח כסלו תנש"א לפ"ק. ער איז נעבעך געווען געלעמט אויף איין זייט און זיך נישט געקענט רירן.

ער איז געווען זייער נאנט מיטן רבי'ן זי"ע, און דער רבי איז אים געקומען באזוכן אין שפיטאל. דער רבי האט געזעהן זיין מצב, און דער דאקטער וואס איז דערביי געווען האט אראפ געגעבן דעם מצב פארן רבי'ן אז ער האט א סטראוק ל"ע און די רעכטע זייט איז ל"ע געלעמט.

דער רבי האט אנגעכאפט זיין רעכטע האנט, און ער האט ארום געפירט זיין האנט ארויף און אראפ און נאכדעם האט ער מיר געזאגט "איך בין זיכער אז ער וועט זיך ארויסדרייען, ווייל ער פעלט אויס פארן דור".

נאך עטליכע טעג האבן מיר געזעהן א וואונדערליכע זאך אז ער האט אנגעהויבן צו רירן די האנט וואס ער האט נישט געקענט רירן ל"ע. עד כדי כך אז ער האט געקענט אנטון תפילין, און אפגיסן די הענט. אבער אויסער די האנט האט ער איין פיס אויך נישט געקנעט רירן און בשום אופן זיך נישט געקענט אויפשטעלן אדער אליינס באגיין. נאך עטליכע וואכן זענען מיר אהיימגעקומען מיט אים פון שפיטאל. און ער איז געבליבן אין שטוב.

עטליכע חדשים שפעטער, נאך פסח זאגט אונז דער רבי אז ער זאל פארן קיין פלארידע, דארט איז דא ספעציעלע דאקטוירים פאר דעם, און אפשר וועט אים דארט בעסער ווערן. מיר האבן זיך פאראינטערעסירט דארט אויף א גוטן דאקטער וואס זאל אים קענען העלפן, און מיר זענען געפארן.

צו די באשטימטע צייט בין איך אריבערגעפארן מיט מיין טאטן צו יענעם שפיטאל וואו די דאקטורים זענען געווען, איך האב אלעס מיטגענומען, און א גרויסער דאקטער איז אריינגעקומען און ער האט אים אנגעהויבן צו באטראכטן. אינמיטן כאפט אים דער דאקטער אן ביי די הענט און ער וויל אים אויפשטעלן, זאג איך פארן דאקטער אז ער קען נישט שטיין אויף די פיס, דער דאקטער הייבט אן צו באטראכטן די פוס,

ער פראבירט צו טוהן וואס ער קען, און ער באשטעטיגט אז דער פיס איז ל"ע טויט, עס האט נישט קיין שום לעבעדיגקייט.

דער דאקטער איז געווארן זייער ערשטוינט, און ער זאגט מיר אז עס שטימט נישט מיטן מציאות, געווענליך האט מען שוין געהערט אז די האנט זאל בלייבן געלעמט און די פיס האט יא אביסל חיות, אבער די האנט זאל לעבן און די פיס בלייבן געלעמט, דאס שטימט בכלל נישט מיט זיין מעדיצינישע ערפארונג. ער האט גערופן אלע דאקטוירים וואס ער האט דארט געהאט און ער האט זיי געוויזן דעם אינטערעסאנטן זאך וואס ער באגעגנט זיך דא דערמיט.

אין יענע טעג איז דער רבי אויך געקומען אויף עטליכע וואכן אפרוה קיין פלארידע, און איך בין דארט געגאנגען אין מקוה אינעם בית המדרש ווי דער רבי איז געגאנגען. דער רבי פרעגט מיר "וואס טוט זיך?", האב איך דערציילט אז דער דאקטער פארשטייט נישט וואס דא גייט פאר, עס איז קעגן דעם מציאות אז די האנט זאל לעבן און די פיס נישט. דער רבי האט אויך געזאגט אז עס איז א חידוש.

יענע וואך שבת איז מיר איינגעפאלן א תירוץ צו פארענטפערן די וואונדער פונעם דאקטער, איך האב זיך דערמאנט די מעשה וואס איז געווען אין שפיטאל ווי אזוי דער רבי האט אים ארום געפירט זיין האנט אויף זיין האנט, און איך האב געטראכט אז דאס איז דער תירוץ צו די וואונדער.

זונטאג אינדערפרי האב איך גענומען מיין טאטן ע"ה מיטן וועגעלע, און איך בין אריבערגעגאנגען צום רבי'נס דירה. דער רבי איז געזעסן אינדערויסן אויפן חצר מיט א תהלים'ל אין די הענט.

ווען דער רבי האט אונז געזעהן האט ער אויפגעשיינט "אה, ברוך הבא". איך האב איבערגעגעבן דאס קוויטל פארן רבי'ן, און איך האב צוגעשטופט מיין טאטן מיטן וועגעלע ממש ביז צום רבי'ן. דער רבי האט אנגעהויבן צו שמועסן מיט אים "נו וואס מאכט מען?!".

איך האב נאכאמאל דערציילט פארן רבי'ן אז די דאקטורים פארשטייען נישט ווי אזוי עס קען זיין אז די האנט ארבעט יא און די פיס נישט". און דער רבי זאגט "עס איז טאקע א חידוש".

האב איך מיר גענומען די דרייסט און איך זאג פארן רבי'ן "איך האב אריינגעטראכט געווען און עס קען זיין אז עס איז נישט אזא גרויסער חידוש, ווייל דער רבי האט אים אויסגעטאפט די האנט אין שפיטאל, און דאס איז געווען די רפואה, און אז דער רבי וועט אזוי טון מיט די פיס וועט ער אי"ה האבן א רפואה שלימה ..."

דער רבי קוקט מיך אזוי אן "איך בין דען א דאקטער?! וואס קען איך מאכן?!" איך האב זיך אנגעהויבן צו טענה'ן מיטן רבי'ן "איך זאג נישט אז דער רבי איז א דאקטער, אבער דער רבי קען מאכן מיט די פיס אזוי ווי דער רבי האט געמאכט מיט די האנט", אזוי איז געגאנגען א וויכוח אהין און צוריק".

ביז ווען דער רבי האט זיך אנגערופן "זיי נישט קיין בטלן, צו זיין א רבי דארף זיין צוויי זאכן, קודם דארף מען זיין עפעס, נאכדעם דארף עס געלונגען, איך האלט נאך פארן אלף, איך ווייס נישט אז איך בין עפעס".

האב איך געזאגט פארן רבי'ן "איך דארף נישט מער וויפיל דער רבי קען".

דער רבי איז געווארן זייער פארטראכט, האב איך געטון א געוואגטן שריט, איך האב אויפגעהויבן מיין טאטנס פיס און איך האב דאס ארויפגעלייגט אויפן רבי'נס שויס. דער רבי איז געווארן היסטעריש, ער האט

זיך אומגעקוקט אויף אלע זייטן דערשראקענערהייט, נאכדעם האט ער ארויפגעלייגט זיין רעכטע האנט אויפן טאטנס קני און נאכדעם זיין לינקע האנט און געפרעגט "וואו איז דער פראבלעם?", האט מיין טאטע געזאגט "אויפן גאנצן פיס", האט ער א שטיק צייט געטאפט מיט די האנט אויפן גאנצן פיס. עס איז געווען א מחזה נורא.

נאכדעם רופט זיך דער רבי אן בלשון קדשו: "נו, הערט אויס, באמת איז דאך אזוי, מיר זענען דאך אידן, אין די תורה איז דא דרייצן מידות וואס די תורה ווערט גע'דרש'נט פון דעם, איז דאך דא א קל וחומר, מה-דאך די האנט וואס דארף ארבעטן שפעטער, ארבעט שוין, כל שכן די פיס דארף זיכער ארבעטן, מילא לויט די הלכה דארף ער זיין געזונט".

נאכדעם האט דער רבי געזאגט: "דאס איז נישט פאר א איד, א איד דארף קענען גיין אין בית המדרש, א איד דארף גיין אין מקוה, מ'דארף שטיין ביי שמונה עשרה, דאס איז נישט גוט פאר א איד וואס דארף מקיים זיין מצות, דאס איז גוט פאר א גוי", און דער רבי האט אנגעוואונטשן א רפואה שלימה.

דעם קומענדיגן דאנערשטאג איז דער טאטע נאכאמאל צוריק געגאנגען צום דאקטער, און דער דאקטער האט אים נאכאמאל אונטערגעזוכט. איך בין שוין געווען צוריק ביי מיר אין שטוב, מיין מאמע ע"ה קלינגט מיך אויפן טעלעפאן אז דער דאקטער שרייט אז ס'איז פלאי פלאים ער שפירט די בלוט פליסט אין די פוס... אזוי האט עס גענומען עטליכע טעג ביז ווען עס איז געווארן אלס בעסער, און פיר וואכן שפעטער האט ער שוין געקענט גיין אויף די פיס, און אזוי האט ער געלעבט נאך עטליכע יאר ווען ער האט זיך געקענט אליין באגיין בס"ד, און אפילו שפאצירן אויף די אייגענע פיס.

## ויגדל הילד

עס דערציילט אונז הרה"ג רבי נפתלי הירצקא צוויבעל שליט"א עס איז געווען א אינגערמאן אין וויליאמסבורג וועלכער האט געהאט א קליין קינד וואס האט פלוצים אויפגעהערט צו וואקסן, עס איז אדורך א יאר און נאך א יאר, דער אינגערמאן איז ארומגעלאפן צו די בעסטע דאקטוירים אבער קיינער האט אים נישט געקענט העלפן.

צובראכענערהייט איז ער עטליכע מאל אריין צום רבי'ן מיט א קוויטל און דער רבי האט כדרכו בקודש אים אנגעוואונטשן אז עס וועט זיין גוט און דאס קינד וועט אנפאנגען צו וואקסן.

איינמאל האט זיך דער אינגערמאן אויסגערעדט פאר רבי נפתלי הירצקא שליט"א ער זאל אפשר מער דרוקן ביים רבי'ן אז דער רבי זאל צוזאגן א ישועה און ער האט אים געגעבן אן עצה אז ער זאל מיטקומען מיט אים ביים לערנען און מיטברענגען דאס קינד.

און איז טאקע געווען, דער אינגערמאן איז אריינגעקומען מיטן קינד און זיך אפגערעדט פאר'ן רבי'ן און געוויזן אז דאס קינד וואקסט נישט.

דער רבי האט אזוי צוגערופן דאס קינד צו זיך און אים אנגעכאפט עטליכע מאל, און האט זיך אנגערופן צום פאטער, גיי אהיים דאס קינד וועט וואקסן ווי געהעריג.

ווי עס איז אדורך א קורצע צייט האט דאס קינד אנגעהויבן צו וואקסן אזוי ווי יעדער מענטש.

# פון די ביטערע קרענק צו א קליינע אנצינדונג אין אויער

עס איז געווען אין יאר תש"נ ווען אין שטוב פון איינעם פון די חשובע אנשי שלומינו אין מאנטרעאל (הר"ר ל. וו. הי"ו) איז פינסטער געווארן דערנאך וואס ביי זיינס א קינד האבן די דאקטוירים געטראפן די ביטערע קרענק ל"ע אויפן קאפ, עס איז זיך גרינג פארצושטעלן די צובראכנקייט פון די עלטערן וועלכע האבן שוין אנגעפאנגען צוצוגרייטן די שטוב אין די צייט ווען זייער באליבט קינד וועט רח"ל דארפן אדורכגיין אלע שווערע באהאנדלונגען.

א קורצע צייט בעפאר דאס קינד האט געדארפט אריינגיין אין שפיטאל, האט דער אינגערמאן באשלאסן אינאיינעם מיט זיין בני בית אריבערצופארן קיין ניו יארק צום רבי'ן זי"ע אינאיינעם מיטן קינד צו נעמען א ברכה און בעטן אויף א רפואה שלימה.

דער איד איז אריינגעקומען צום רבי'ן און אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין, און געשריגן הייליגער רבי העלף מיר.

דער רבי האט געבעטן דעם אינגערמאן ער זאל אים אהערגעבן דאס קינד, און דער רבי האט אים מיט א שמייכל געזעצט אויף זיין שויס און אנגעפאנגען צו מחזק זיין די עלטערן, און האט אזוי אינדערמיט אנגעפאנגען צו רייבן אונטערן אויער פונעם קינד, פרעגנדיג מיט א שמייכל: "עס טוט דיר וויי?" און האט אנגעוואונטשן די עלטערן אז די ישועה זאל אנקומען ווי שנעלער.

דער איד איז צובראכענערהייט, אבער מיט א האפענונג צום הייליגן באשעפער, אריבערגעגאנגען צו זיין אכסניא אין וויליאמסבורג און האט זיך געגרייט צוריקצופארן קיין מאנטרעאל.

דאס קינד האט זיך אזוי געשפילט אין שפיל צימער, ווען פלוצים האט ער אנגעפאנגען צו שרייען יאמערליכע קולות, די דערשראקענע עלטערן זענען אריינגעלאפן און דערזעהן ווי עס גייט א "קראן" פון הייטער פונעם אויער פון דאס קינד.

די דערשראקענע עלטערן זענען באלד אריבערגעלאפן צו א דאקטער אין מאנהעטן וועלכער האט איבערגעקוקט דאס קינד און זיך אנגערופן אז ער האט א שטארקע אנצינדונג אין אויער... די עלטערן האבן דערציילט פארן דאקטער אז דאס קינד האלט ליידער בעפארן אדורכגיין שווערע מעדעצינישע באהאנדלונגען, אבער דער דאקטער האט זיך איינגע'עקשנ'ט אז מ'זאל נאכאמאל אדורכפירן אונטערזוכונגען און איבערקוקן נאכאמאל דעם קינד.

ווי עס איז אדורך צוויי טעג איז אנגעקומען די בשורה טובה אז דאס קינד איז ב"ה געזונט און פריש און האט געהאט בלויז א שטארקע אנצינדונג אין אויער.

דער אינגערמאן איז צוריקגעפארן קיין מאנטרעאל און איז אריבערגעגאנגען צום ערשטן דאקטער און האט דארט געבעטן מ'זאל נאכאמאל אדורכפירן אונטערזוכונגען פארן קינד, ויהי לנס, די זעלבע תוצאות זענען ארויסגעקומען ביי דעם דאקטער אין מאנטרעאל.

**עס איז זיכער אז פונקט ווי ביי זיין לעבן האט דער רבי זי"ע אזוי פיל מתפלל געווען פאר אונז געווען און געברענגט ישועות ורפואות פאר כלל**

**ישראל, איז זיכער אז נאך זיין פטירה וואס ס'שטייט אז גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם אז צדיקים נאך זייער שטארבן קענען זיי מער אויס'פועל'ן ווי ביים לעבן, האט ער זיכער דעם כח צו מתפלל זיין פאר אונז, בפרט אין די טאג פון זיין גרויסע יארצייט איז א צייט צו פועל'ן אלע ישועות פאר אידישע קינדער, ובפרט פאר זיין ממלא מקום אונזער הייליגער רבי זאל זיין געזונט, ביז מיר וועלן זוכה זיין בקרוב צו גיין אנקעגן משיח ומלכנו בראשינו אמן.**

# דער רבי קומט היילן פון גן עדן

מיר שטייען שוין איצט ביים זיבעטן יארצייט פון רבינו הק' זי"ע, אבער טראץ דעם וואס מיר זענען שוין נישט זוכה אנצורירן די הייליגע קלאמקע און קענען שוין נישט אריינגיין צו נעמען א ברכה, א ישועה און א רפואה, איז אבער מקויים געווארן ביים רבי'ן זי"ע דער גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם, וואו ס'איז שוין היינט צוטאג באוואוסט איבער פילע צענדליגער ישועות וואס אידן זענען געהאלפן געווארן ביים ציון הקדוש אין קרית יואל, מיר וועלן בלויז ברענגען איין מורא'דיגע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט א יאר צייט צוריק.

א אינגערמאן פון קרית יואל פלוצים צוזאמגעפאלן און איז געווארן באוועסטלאז (בלי הכרה), דער אינגערמאן איז געלעגן אין שפיטאל אין גאר א שווערן צושטאנד, ווען כלל ישראל האט אין די זעלבע צייט אייגעריסן רחמי שמים מרובים פאר זיין רפואה.

עס איז געווען איין טאג ווען זיין מאמע איז געזעסן נעבן זיין בעט און דער אינגערמאן איז געלעגן באוואוסטלאז, ווען פלוצים האט ער זיך אויפגעכאפט און געזאגט: "עס איז צו שמָאל... עס איז צו שמָאל..."

זיין מאמע האט נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, זי האט באלד גערופן די דאקטוירים וועלכע זענען אריינגעלאפן שרייענדיג אז דאס וואס ער האט זיך אויפגעוועקט איז בלויז א נס פון הימל, וויל קיין אנדערן הסבר האבן זיי נישט געטראפן.

ווען דער אינגערמאן האט זיך אינגאנצן אויפגעכאפט, האט ער דערציילט, אז דער הייליגער רבי זי"ע איז געקומען צו אים, און דער רבי האט געוואלט אריינגיין ביי זיין בעט, האט ער זיך אנגערופן אז די פלאץ אין בעט איז צו שמאל.

אויפצומארגנס ווען זיינע חברים זענען אים געקומען באזוכן, האבן זיי אים דערציילט אז נעכטן מיטאג האבן זיי מתפלל געווען לרפואתו השלימה ביי די ציונים הק' פון רבותינו הק' זי"ע, און ווי עס האט זיך אויסגעשטעלט איז דאס געווען פונקט אין די זעלבע צייט וואס די חברים זענען געווען ביים ציון הק'.

ווי עס איז אדורך א טאג האבן די דאקטוירים אים באפרייט פון שפיטאל, און אגעזאגט אז אין א וואך ארום זאל ער צוריקקומען אויף אונטערזוכונג.

דער אינגערמאן איז פון שפיטאל אריבערגעפארן קיין קרית יואל צו מרן רבינו שליט"א און האט דערציילט פאר'ן רבי'ן שליט"א דעם חלום אז ער האט געזעהן דעם הייליגן רבי'ן זי"ע און פונקט אין יענע מינוטן איז געווען א מנין ביים ציון הק'.

הערנדיג די ווערטער האט זיך דער רבי שליט"א אנגערופן בלה"ק: "דו דארפסט שוין גארנישט צוריקגיין אין שפיטאל, דו וועסט האבן א גאנצע רפואה, דער טאטע זכרונו לברכה האט נישט געמאכט קיין האלבע זאך"...

די אהל און די ציונים פון

# מרנן רבותינו הק׳ זיעועכי״א

אין קרית יואל יצ״ו



